בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' פ' נשא | כ"ז אייר | תשע"א | פסחים: ס"א.

# באריכט:

נעכטן נאכט נאכ'ן געזעגענען דעם ציבור אין קרית יואל, איז דער רבי שליט"א אריבער אויף א באזוך צו האדמו"ר מ'בית יצחק ספינקא שליט"א ביי די מסיבה לטובת כולל בית יצחק ד'ספינקא וויליאמסבורג אין שטוב פון מוה"ר משה אפרים שטיינמעטץ הי"ו, ווי עס איז פארפירט געווארן א שיינער שמועס.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ישראל לייב כהן הי"ו פון קרית יואל, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

היינט נאכמיטאג וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 6:30 ביז 9:00 אזייגער פונקטליך, בביתו נאוה קודש אויף היוז סט.

## יום חינוך הטהור היום!

היינט נאכט וועלן אי"ה אלפי אנשי שלומינו תושבי וויליאמסבורג ארויסווייזן שטארקע שטיצע פאר די הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק וועלכער איז געווען נוגע ללבבם של רבותיה"ק זי"ע נבג"מ און איז אזוי ווייטער ללבו של יבדחלט"א מרן רבינו שליט"א, ביי די יערליכע דינער לטובת די מוסדות וועלכע קומט אי"ה פאהר היינט נאכט אין די זאלן פון ראוז קעסטל.

דער היי יעריגער דינער האט א ספעציעלן באדייט, נאכדעם וואס ווי פאר אלעמען באקאנט האט מען דעם פארגאנגענעם פסח העעלי"ט – נאך די עבודת הקודש פון מרן רבינו שליט"א, און מיט די הילף פון די געטרייע חברי ההנהלה און איבערהויפט די מסי"נ הארעוואניע פון איש האשכולות הרה"ח ר' מאיר הירש נ"ו מהנהלת הקרי' והמוסדות אין קרית יואל - בעזהשי"ת אויסגעצאהלט אלע איינגעשטעלטע אין די מוסדות עד פרוטה האחרונה, און אצינד וועט דער דינער דינען אלס מיטל ווייטער אנצוהאלטן דעם "זיראו באלאנס" צו קענען אנהאלטן דאס צאהלן די כלי קודש אין צייט.

ווילסט האבן ערליכע קינדער? די ערשטע פרוטה וואס דו גיסט פאר צדקה, זאלסטו לייגן אין די פושקע פון מיינע ארץ ישראל'דיגע מוסדות.

(מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל)

ליגט אויף אונז א געוואלדיגער חיוב, אויף אלע, אנצושטרענגן כל מה שבכוחינו, אז עס זאל זיך אויפהאלטן די מוסדות אין ארץ ישראל, אנהאלטן אז מען זאל קענען האלטן די אלע מקומות, צו עס איז אין ירושלים צו אין בני ברק.

(מרן רביה"ק זי"ע בעל ברך משה)

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די אלע אידן וואס געבן פאר מוסדות ארץ ישראל וואס איז צדקת רבי מאיר בעל הנס ס'האט געוואלדיגע כוחות אלקא דמאיר עננו דער אייבערשטער וועט א יעדן איינעם העלפן בכל משאלות לבבו לטובה.

(מרן רבינו שליט"א)

## -אלקא דמאיר יענינו-

### הגה"צ גאב"ד סערדאהעל שליט"א באזוכט ביי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וומסב"ג שליט"א

נעכטן נאכט, האט הגה"צ גאב"ד סערדאהעל שליט"א וועלכער ווײלט אין די טעג אין וויליאמסבורג, אפגעשטאהט א באזוך ביי הגה"צ רב דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א ווי ער האט זיך פארמירט א שיינער שמועס בדברי תורה וסיפורי צדיקים.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**